# טעמו וראו

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

• גיליון י"ז פרשת כי תבוא -תשע"ט •


## ה' ה' קל רחום וחנון - דער באדייט פון די סליחות

מיר שטייען פאר די טעג וואס כלל ישראל הייבט אן צו זאגן סליחות, וועלן מיר פראבירן מסביר זיין וואס איז דאס דער ענין פון זאגן 'סליחות'?

### 'אשרי יושבי ביתך' פאר סליחות - מאי משמע?

קודם וועט מען זאגן א קליין ווארט בדרך מליצה. א איד קומט צו סליחות, איז דא אן אינטערעסאנטע זאך, פאר סליחות הייבט מען אן מיט "אשרי יושבי ביתך". און מ'דארף פארשטיין וואס האט דער קאפיטל פון "אשרי" מיט סליחות?

איז דא אין דעם למעשה א פאר נקודות. אבער א פשוט'ע ווערטל איז דא: אמאל האט איינער געטשעפעט א גדול בישראל, אדער א חשוב'ער איד, א דערהויבענער איד און ער האט אים מבזה געווען. און ווען ער איז געקומען אים איבער בעטן, האבן די גבאים אים נישט אריינגעלאזט - 'גיי נישט אריין אין צימער, קיין איינער דארף נישט זאלסט איבער בעטן, גיי אוועק'.

א איד קומט פאר טאג'ס אין שול, די ערשטע זאך דארף ער וויסן "אשרי יושבי ביתך" - ב"ה, די ערשטע זאך - מ'האט מיר אריינגעלאזט. איך קום איבערבעטן, מ'לאזט מיר אריין, וועגן דעם הייבט מען אן מיט "אשרי". די זעלבע זאך די קאפיטל ענדיגט זיך "ואנחנו נברך קה" - ס'איז נישט דא אזא פסוק דארט, ס'געהערט נישט צו דעם קאפיטל אפילו, נאר ס'איז גענומען פון א צווייטן קאפיטל (תהלים קטו, יח). ווי קומט דאס דא אריין? נאר דער הסבר איז א באוואוסטע יסוד: דו גייסט זיך שטעלן דאווענען, דו גייסט זאגן סליחות, "ואנחנו נברך קה **מעתה** ועד עולם" פון יעצט! מ'גייט יעצט דן זיין אויף מיר, ס'איז ריכטיג מ'גייט תשובה טאן אויף דעם עבר, אבער מיט דער זכות פון דעם טועהן יעצט, האב איך יא א זכות צו זיך שטעלן דאווענען. - דאס איז בדרך מליצה, פאר ווען מ'גייט אריין אין די נקודה פון דעם סליחות.

### אשרי - צו מעורר זיין רחמים

באמת, די נקודה פון סליחות - 'אשרי' האט נאך נקודות, איז ווען א איד קומט סוף יאהר זיך אוועק שטעלן זאגן סליחות, איז דאס א גאנצע בנין - א יסוד, מיט א בנין ארום און ארום וואס פאסירט ווען א איד שטעלט זיך אוועק זאגן סליחות.

באמת, די נקודה פון סליחות איז מעורר זיין רחמים. דאס וועט מען אנקומען צו די מסקנה, ווי אזוי און וואס הייסט מעורר זיין רחמים. אבער מ'וועט גיין כסדרם:

דער 'אשרי' באמת איז געבויעט פאר ווען מען גייט מעורר זיין רחמים. אזוי ווי אונז ווייסן א יסוד אז א חשבון הנפש הייסט נישט אז איך זוך עבירות - דאס רופט זיך נישט חשבון הנפש דאס רופט זיך צוברעכן א מענטשן. ווען א איד מאכט א אמת'ע חשבון איז דער טייטש אז ער זעהט וואס ער האט יא און וואס ער האט נישט! דאס הייסט חשבון. די זעלבע זאך, ווען א איד שטעלט זיך אוועק נאך פאר ווען מ'הייבט אן סליחות און ער ברענגט זיין כח התורה, 'אשרי' איז אויך איינע פון די זאכן א שטיקל תורה הקדושה, ס'איז דאך א קאפיטל און כתובים. אבער, מיט דעם כח התורה שטעלט מען זיך אוועק און מ'גייט מאכן א חשבון הנפש און זעהןביידע חלקים סיי וואס איז נישט אזוי אין ארדענונג, און סיי וואס ס'איז דער טייטש: איך זעה מיין 'יא'!.

### א' ב' פון אשרי - כח התורה

און טאמער ס'איז נישט גענוג, איז דא נאך א יסוד פון דעם א' ב' - וואס דאס איז א שיעור לעצמו, אבער דער יסוד פון

די גאנצע בריאה איז א׳ ב׳, ווייל "אסתכל באורייתא וברא עלמא (זוה"ק ח"ב קסא א) - דאס איז כ"ב אותיות התורה. אונז זענען מעורר, אונז אידן האבן אזא זאך ס׳רופט זיך תורה, אונז פירן זיך מיט די א׳ ב׳. אידן האבן באקומען א מורא׳דיגע מתנה "אשר בחר בנו מכל העמים". וועק איך אויף מיין כח התורה און פון כוח א׳ ב׳ - וואס ס׳איז יא דא אין מיר, באלד וועט מער רעדן אויף וואס ס׳איז נישט דא, און וואס איך האב געזינדיגט. איך האב טאקע געטשעפעט די אותיות א׳ ב׳. אבער קודם דארף איך זיין א איד און א מִצְוָה - האב איך עבירות. א גוי קען נישט האבן עבירות וואס איך האב, ווייל ער האט נישט קיין חילול שבת, און ער האט נישט די אלע זאכן.

אויב אזוי קומען מיר צו אז א איד פאר סליחות איז ער מעורר א נקודת תורה, די כח פון די א׳ ב׳. און שפעטער זאגט ער פסוקים, אז איך האב שייכות צו די אידישקייט. און שפעטער קען ער זיך ריכטיג אוועקשטעלן צו די נקודה פון דעם חשבון הנפש - וואס איך האב יא, און וואס האב נישט.

איך האב יא - איך בין א איד, איך האב יא - איך בין א מִצְוָה. אה, איך האב די אלע זאכן! און איך האב טאקע מקיים געווען מצוות! נישט די טייטש, אז מ׳גייט זיך יעצט צוברעכן. מ׳גייט יעצט זיך אוועק שטעלן פאר א נקודת אמת.

### *פארוואס זאגט מען סליחות?*

פארוואס שטעלט מען זיך אוועק און מ׳זאגט סליחות? איך גיי מעורר זיין י"ג מידות של רחמים, ווערגן וואס דארף איך מעורר זיין? וואס איז נישט גוט?

דער תירוץ איז, ס׳איז דא זייער אסאך כיתות אין כלל ישראל און דרגות, ווי אזוי מ׳שטעלט זיך אוועק. פשוט, און גלאטיג אונז שטעלן זיך פארן יום הדין. און אז מ׳איז דן חיים מיט פאקערט, פרנסה מיט פאקערט א.א.וו. - ציטערט מען. און אז מ׳גייט מיר דן זיין מאך איך א חשבון ווי איך האלט אויף די וועלט. אבער, ס׳איז נאך דא זייער אסאך סארטן טרעפ צו ארוף גיין אין יום המלכת המלך, מ׳גייט אוסרופן א מלך. נו, דו גייסט אוסרופן א מלך - איז וואס דיין מצב?

ס׳איז דא נאך א דרגה פון חידוש הבריאה, דער טאג וואס אדם הראשון, דער מענטש ווערט נאך א מאהל באשאפן, ס׳איז א נייע בריאה. ס׳איז באוואוסט (ראה עטרת זקנים תקפא, ח) פון דער מושג אז ווערגן דעם זאגט מען 4 טעג סליחות, אזוי ווי ביקור פון א קרבן. ס׳איז דא א מדרש אז א איד ביי די יום הדין ווערט ער כאילו א שותף לגבי הקב"ה, ער איז זיך מקריב צו הקב"ה. זייער אסאך סארטן מדרגות איז דא, וואס איז די סיבה, פארוואס אונז גיין זיך אוועקשטעלן און מאכן אונזער חשבון.

און לויט ווי איך שטעלט זיך אוועק, לויט דעם וועט אוסקוקן אויכעט די סליחות - ס׳איז דא איינער ער וויינט ביי סליחות - איך וויל לעבן. ס׳איז דא איינער וואס וויינט ביי סליחות - יתגדל ויתקדש. ס׳איז דא איינער ער וויינט ביי סליחות - א נחת רוח פארן אויבערשטן. לויט די דרגה ווי ער שטייט.

### *זיך טרעפן מיטן אמת*

און ווען א איד שטעלט זיך א וועק און גייט מאכן די חשבון פון יא מיט ניין. באמת גייט ער זיך טרעפן מיט א זאך וואס א גאנץ יאהר איז ער אנטלאפן פון דעם. א מענטש בטבע, פון אלץ קליין קינד צוגעוואוינט, אז בד"כ ווען מ׳פלעגט אים פרעגן: ׳האסט געטועהן דאס און דאס? האסט געקויפט די זאך?׳ איז נישט געווען די תשובה ווייל מ׳קומט אים זאגן "יישר כח!׳ און מ׳קומט אים באדאנקען, נאר מ׳קומט אים מבקר זיין, מקומט אים זאגן ׳ביסט נישט בסדר׳. איז ער צוגעוואוינט צו זאגן ׳איך האב נישט געהאט קיין געלט׳ - ער איז אלעמאהל צוגעגרייט אדער מיט א תירוץ אדער מיט א פיטור ווי אזוי צו פוטר זיין די זאך.

דאס איז טייטש, אז מ׳געבט אים א פרעג: ׳האסט געקויפט אין געשעפט די זאך?׳ ׳אה, איך האב נישט געהאט קיין געלט׳. ׳איך האב דיר נישט געפרעגט צו ס׳איז געווען געלט צו נישט, איך האב דיר נישט געפרעגט צו מ׳קען דאס קויפן שפעטער׳. איך מוז זיך טרעפן מיט די אמת און זאגן ׳ניין, איך האב נישט געקויפט!׳ ׳איך האב נישט געטועהן די און די זאך!׳.

א מענטש אין זיין גאנצע לעבן געבט זיך אכטונג אז דער ארום און ארום זאל זיך נישט טרעפן מיט זיין אמת, און ער אליין האט אויכעט מורא פון זיין אייגענעם אמת.

ווען ער גייט זיך אוועקשטעלן און זאגן פאר זיך אליין דעם אמת אוואו ער געפינט זיך, פאר ווען מ׳וועט זוכן דעם פתרון ער האט מורא פון דעם, ער האט מורא פון זיך טרעפן מיט זיין אמת. סיי ווייל ער איז א גאנץ יאהר אנטלויפן פון דעם - ער האט דאס באהלטן פון מענטשן, און באהלטן פון זיך אליין.

ווי אזוי פארט סליחות איז זיך טרעפן מיט זיך אליין, פונקט ווי מי איז, סיי די מעלות, און סיי די חסרונות. קומט אויס - האט ער מורא. נאך ווען איך טרעפט זיך באמת מיט מיר אליין, ווייס איך אז איך וועל טרעפן אויכעט חסרונות. און ווען מ׳טרעפט זיך מיט חסרונות, בפרט אז מ׳וויל זיך טרעפן מיט אמת. און לויטן אמת, איז דער אויבערשטן זאל אפהיטן וואס איך קען באקומען פאר דעם. איז מען מעורר אנקעגן דעם י"ג מידות של רחמים, וואס דער אויבערשטן האט געגעבן א מתנה פאר כלל ישראל. פשוט א מתנה, אז ווען מ׳זאגט די ווערטער - י"ג

מידות של רחמים, איז מען מכריע דער חלק החוב שבדין לטובה. און דאס ווען ווערן דער אמת.

אין איינע פון י"ג מידות של רחמים דערמאנטמען אונז "ורב חסד ואמת", ווייל די י"ג מידות של רחמים איז אויכעט א סארט אמת. נאך וואס איך בין מעורר רחמים.

צו אביסל פארשטיין איז א פשוט'ע זאך, א מענטש, ווען ער ארבעט למשל ביי איינעם, און נישט קיין ארבעטארער, אוןביידע האבן געמאכט א טעות. דער ארבעטארער פון דעם מענטש האט מיט אים שייכות, ער האט אויף אים רחמנות. ער האט סיבות פארוואס ער זאל מער פארקוקן. יעדער סארט אמת'ע שייכות איז א סיבה צו מעורר זיין רחמים.

נאך א יסוד וואס מ'דארף וויסן, אז דער וידוי וואס מ'זאגט בשעת סליחות - דאס איז נישט דער עיקר, ס'איז זייער א נאנטע זאך צו די סליחות, ווייל וידוי איז אויכעט א ענין פון ארויס זאגן א אמת. אבער וידוי געהערט צו חלק א תשובה שבסליחות. נאכדעם וואס איך טרעף זיך מיטן אמת איז דא א מצוות תשובה, וואס איך דארף תשובה טועהן, און דאס איז נישט אין די י"ג מידות של רחמים, ס'איז א זאך וואס איך גיי זאגן דעם אמת פון די זאך. וואס דעמאלץ דאס איז דער דאורייתא שבתשובה - אבער די חרטה על העבר, מיט קבלה על העתיד, ס'איז א גאנצע געפלאכטענע זאך, וואס דאס איז נאך א זאך וואס ס'איז דא אין סליחות - אבער נישט דאס איז די סליחות.

אפילו, וואס אונז וויסן די באווסטע מדרש: נפש החוטאת ברענגט קרבנות, און ווען ס'איז נישט דא קרבנות - 'זאגט'ס פאר מיר י"ג מידות של רחמים', וואס הייסט? "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'" (הושע יד, ג) דער זאגן די דברים, די עצם זאגן סליחות, די עצם זאגן די זאכן - דאס איז די "שובו אל ה'" ווערט מען טאקע דערנענטערט אזוי ווי קרבנות, מ'ווערט דערנענטערט צום אויבערשטן.

איז דאס איז איינע פון די יסודות וואס טוט זיך ביי סליחות.

### "שוין אזוי-פיל יארן וואס איך זאג סליחות ...."

אבער איך וויל מעורר זיין נאך א מורא'דיגע נקודה וואס דער יצה"ר קומט צו מענטשן, ער זאגט זיי: 'דו האסט שוין 02 יאהר געזאגט סליחות, דו האסט שוין 03 יאהר געזאגט סליחות, ווייסט דאך ווי דו קוקסט אויס נאך דעם. רחמנא לצלן האסט נישט געהאט בכלל א זיסע יאהר אפילו דו האסט געזאגט פאר א יאהר סליחות'.

איז וואס גייט ער דא טועהן אין די ימי סליחות? די ערשטע זאך, איז דא אפאר יסוד'ישע תשובות וואס מ'דארף אים ענטפערן: דער ערשטע יסוד, איז דארף א איד וויסן א פשוט'ע זאך - עצם זאך אז איך בין דא זוכה צו זאגן נאך אמאל סליחות, איז דער טייטש, אז ב"ה מ'האט מיר יא אנגעשריבן א יאהר און איך לעב נאך יעצט! דער טייטש, מ'האט מיר געגעבן א מתנה, פאר א יאהר האב איך אויסגעפוילט ביי סליחות, אז איך זאל דערלעבן נאך א יאהר צו שטיין און זאגן סליחות. מיין עצם לעבן איז מוכיח - יא, האסט געפוילט, האסט דערלעבט א יאהר.

אבער, ס'האט אויכעט א טיפערע נקודה. צו דאס פארשטיין א ביסל, וועט מען נעמען א משל, דער אויבערשטער זאל אפהיטן, א איד האט געטראפן א פאבלאנדז'עטער איד, וואס דער איד האט שוין אפאר מאהל מחלל שבת געווען אפילו בפרהסיא, דעם שבת. און ער פרעגט אז ער וויל רייכערן נאך א צוגערעטל. וואס ווען אים אלע ענטפערן? 'ניין, רייכער נישט!'. איי מיר ווייסן אז ער איז א מחלל שבת? אבער ער קען נאך תשובה טועהן, און יעדע חילול שבת לכשעצמו איז א נאך א קלארער איסור, ס'איז נישט דא קיין מעשיות!

דאס איז דער טייטש - אז יעדער איד אינדערווייניג, אינדערווייניג ווייסט: 'ריכטיג, איך האב פאר א יאהר געזאגט סליחות, און ריכטיג דעם יאהר האט נישט אזוי גוט אויסגעקוקט. אבער מיין עצם מעשה וואס איך טוה יעצט - זאגן סליחות, אויף דעם עצם - איז נישט דא קיין איינעם וואס קען דאס אוועק רוקן פון פלאץ, ווייל דאס איז דער אמת! און דאס גיי איך יעצט טועהן. און איך האף אז ס'וועט מיר יא ווערן בעסער. אבער נישט דאס איז דער נושא - וואס וועט זיין די תוצאה, קום מיר נישט אפפרעגן.

דער מענטש - איינע פון די סיבות וואס דער יצה"ר איז מצליח אויף די מענטש צו אים ברעכען - ער פרעגט אפ: 'דו, ווייסט דאך, אז דיינע מעשים פרעגט אפ דיינע סליחות זאגן'. די תשובה וואס מ'דארף ענטפערן פאר'ן יצה"ר: 'איך שטיי נישט דא ביי סליחות צו מאכן ביזנעס, איך גיי נישט געווינען'. יעדער איינער לויט זיין דרגה וואס ער איז צוגעגאנגען צו סליחות. איינער איז נקודת חיים - זעהס'ט דאך איך האב דערלעבט פון פאר א יאהר אז מ'האט מיר יא געגעבן א יאהר. איך שטיי יעצט נאכאמאל און איך זאג סליחות, ווען איך וואלט אוועק אינמיטן יאהר שטיי איך יעצט נישט - האב איך אויסגעפוילט פאר א יאהר נאך א יאהר לעבן.

דער וואס שטייט "ותמלוך אתה הוא" ס'באדערט אים דער מלכות שמים, ס'איז ווייטער ריכטיג, איך בין געווען נישט בסדר, אבער דערשרעק זיך נישט, וואס דער יצה"ר זאגט, ס'איז שוין 02 יאהר וואס די זאגסט סליחות - ס'באדערט מיר ווייטער דער "יתגדל ויתקדש", איך

בין ווייטער אין דעם, און דאס איז מיין אמת. אפילו מיינע מעשים האט מיר אפגעפרעגט, איך פאליר זיך נישט פון די אלע טענות פון דעם יצה"ר.

***"טאטע!" - התעוררות רחמים***

וועט מען צוריק גיין צו די פשוט'ע נקודה: קומט אויס, און מיט דעם וועט מען פראבירן פארמאכן. אונז שטעלן זיך אוועק, און אונז זאגן י"ג מידות של רחמים, מ'איז מעורר רחמים.

ווי ס'איז באוואוסט די יסוד, אונז זאגן למשל, די טעג פון ימי רחמים "אבינו מלכינו", מ'האט שוין געזאגט א מאהל די משל, אז ווען א טאטע שטייט ביי א בעט פון א קראנקע קינד רחמנא לצלן וואס מיר ווייסען ... און שפיטאל ביי די זייט ער זאגט תהילים אבער ס'איז שוין אזוי ... דער מצב איז מוכיח וואס ס'קומט פאר, און מ'ווייסט נישט. און א צווייטער, ווען ער האט געהערט די מעשה האט ער אנגעהויבן וויינען, ווייל ער איז דאס שוין אריבער, און ער ווייסט קלאר די מצב.

און דער קינד גיט א קרעכצע ארויס, נאך ליגן צווי טעג, וואס קיין איינער האט נישט געקענט רעדן צו אים, 'אוי, טאטע!' די טאטע הייבט אן מורא'דיג וויינען, ס'גיסט אים טרערן. שטייט א מענטש אין זיין און פרעגט: 'וואס האט פאסירט? ס'איז עפעס געווארן יעצט ערגער?' ניין! ער האט זיך דערוויסט יעצט א נייע זאך? ניין! נאר וואס? דערווארט, מעורר זיין, דער ווארט 'טאטע' האט צוזאם גענומען אלע כוחות פון די מענטש, און ס'האט זיך מתעורר געווארן אזא רחמים, אז ער האט אנגעהויבן וויינען.

ווען אונז שטעלן זיך אוועק און זאגן י"ג מידות של רחמים, מ'שטעלט זיך אוועק און מ'זאגט "אבינו מלכינו", מ'שטעלט זיך אוועק פארן אויבערשטן, וואס ס'איז מעורר אזעלכע רחמים, אויף א מורא'דיגע אופן. און יעדער איינער וועט קענען אנקומען דורך די סליחות - נישט נאר צו זיין נקודת תשובה, פון דעם "השיבנו ה' אליך ונשובה (איכה ה, כא)", נישט נאר נקודה פון פארעכטן מעשים. אזא קרבת אלקים, אזא התעוררות רחמים, פון כביכול הקב"ה צו אים - אז ער גייט ארויס באמת א נייע מענטש, און מ'קען ארויס גיין א נייער מענטש.

און נארמאל, ווען אונז ווילן זיך דערמאנען אין אונזערע יונגערע יאהרן וואס דער מוח איז נישט געווען אזוי פארנומען מיט די וועלט זאכן. יעדער איינער ווען איז נאך נישט געווען אריינגעטונקען אין דעם עוה"ז - האט באמת געשפירן נאך א ימים נוראים א גישמאקייט, א ריינקייט.

נאר די טרדות הזמן וואס אונז זאגן אליין אין די סליחות טעג, ווערט דערמאנט כל מיני זאכן, איינע פון די תורות פון די סליחות וואס מ'דערמאנען יעדע זאך, מ'דערמאנט די נקודת התורה, דער ביהמ"ק, און די קרבנות וואס ס'איז נישט דא. דער אפסיות האדם, דער מענטש איז גארנישט, זיין גוף, זיין נפש, ווי שוואך ער איז, די גלות, מיט די צרות, אדער די זכות אבות, די אלע זאכן וואס מ'קאכט אויס דורך די גאנצע סליחות איז צו צוברענגען און צו אויפוועקן אונזער גוטע קשר און אונזערע גוטע זאכן פון אויבערשטן - און, דאס מיטנעמען אויף ווייטער.

דער אויבערשטער זאל העלפן, אונז זאלן זיך ריכטיג צוגרייטן. יעדער איינער לפי דרגה דליה און מ'מעג אויכעט ארויף גיין א ביסל. דאס טייטש ריכטיג אנגעהויבן די סליחות מיט א נקודה, לאמיר זאגן פון ימי דין מ'איז דן די מענטש, א משפט צו ער איז יא ווערד צו ער איז נישט ווערד, לעבן, פרנסה, מיט געזונט, אבער, ס'איז דא אויכעט דער "יתגדל ויתקדש" און "עשה למען שמך הגדול הגיבור והנורא שנקרא עלינו" און מגלה זיין כבוד שמים אויף די וועלט, און ס'וועט זיין א געשמאקער "המלך", דער אמת'ע "המלך". די אלע דרגות פון א איד זאגט "המלך".

און מ'זאל האבן א "כתיבה וחתימה טובה" אמן.

## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'


**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל:** a8426277@gmail.com

טל': 050-417-0448

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1